**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 19 נייע סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס**

***לאקאלע שריט שטיצן סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ***

***סערטיפייד קאמיוניטיס זענען מוסטערן וויאזוי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און אויפבויען לאקאלע קלימאט שטאנדהאפטיגקייט***

***ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון הײמער און קאמיוניטי רינוּעל שליסט זיך אן אין 'קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פראגראם'***

***לייענט ניו יארק סטעיט'ס 'ערד טאג' 2023 פראקלאמאציע [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די לעצטע רונדע פון קאמיוניטיס זיך צו פארדינען די סערטיפיקאציע אלץ טייל פון ניו יארק סטעיט'ס [קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס ( Climate Smart Communities) פראגראם] וואס שטיצט לאקאלע באמיאונגען צו נאכקומען די עקאנאמישע, געזעלשאפטליכע און ענווייראמענטאלע שוועריגקייטן וואס קלימאט טויש ברענגט מיט זיך. די אנאנס באצייכנט באדייטפולע שריט וואס ווערן אונטערגענומען דורך 19 לאקאלע רעגירונגען צו פארקלענערן די סכנות פון- און זיך צופאסן צו- קלימאט טויש. די אנאנס איז געמאכט געווארן דורכאויס ניו יארק'ס איין-וואכיגע 'ערד וואך' פייערונג. די גאווערנער האט אויך ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע [דעזיגנירנדיג אפריל 22, 2023 אלץ 'ערד טאג' אין ניו יארק סטעיט].

"דעם ערד וואך, פייערן מיר ניו יארק'ס פארשריט אין די ריכטונג פון שאפן א ריינערע מער קלימאט-פריינטליכע צוקונפט, און דער קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פראגראם איז גאר וויכטיג אונז צו העלפן ערגרייכן די ציהלן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די צוזאמארבעטנדע פראגראם באפולמעכטיגט לאקאלע רעגירונגען צו אונטערנעמען שריט צו איבערקומען די שוועריגקייטן פון אונזער טוישנדע קלימאט. איך לויב אויס די קאמיוניטיס פארן איינפירן מאסנאמען וועלכע וועלן זיך צופאסן צו די אנגייענדע השפעות פון קלימאט טויש און פארמערן קאמיוניטי שטאנדהאפטיגקייט קעגן עקסטרעמע וועטער."

זיך צו פארדינען א סערטיפיקאציע אלץ א 'קלימאט-קלוגע קאמיוניטי' זאמלען לאקאלע רעגירונגען אן פונקטן פארן פלאנירן און דורכפירן שריט וועלכע רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארמערן די קאמיוניטי'ס שטאנדהאפטיגקייט קעגן די פארערגערנדע השפעות פון קלימאט טויש. לעצטנס האבן 18 נייע קאמיוניטיס ערפאלגרייך נאכגעקומען די באדינגונגען צו ווערן אנערקענט אלץ פירער אויף די 'בראנזע' שטאפל, און די טאון אָוו בעדפארד איז ארויף פון 'בראנז' צו 'זילבער' — די העכסטע שטאפל וואס איז מעגליך.

**הויפטשטאט ראיאן**

טאון אָוו קעינען (קאלאמביע קאונטי) - בראנז
טאון אָוו טשעטעם (קאלאמביע קאונטי) - בראנז
טאון אָוו קאלאני (אלבאני קאונטי) - בראנז
קאלאמביע קאונטי - בראנז
טאון אָוו גענט (קאלאמביע קאונטי) - בראנז
טאון אָוו הילסדעיל (קאלאמביע קאונטי) - בראנז
ווילעדזש אָוו קינדערהוּק (קאלאמביע קאונטי) - בראנז
טאון אָוו טעגקאַניק (קאלאמביע קאונטי) - בראנז

**צענטראל ניו יארק**
ווילעדזש אָוו פעיעטוויל (אָנאָנדאַגאַ קאונטי) - בראנז
ווילעדזש אָוו טאָלי (אָנאָנדאַגאַ קאונטי) - בראנז

**פינגער לעיקס**
טאון אָוו הענריעטא (מאנראו קאונטי) - בראנז
מאנראו קאונטי - בראנז
ווילעדזש אָוו סאָודוס (וועין קאונטי) - בראנז

**מיטל-האדסאן**
טאון אָוו בעדפארד (וועסטשעסטער קאונטי) - זילבער
טאון אָוו הורלי (אָלסטער קאונטי) - בראנז
טאון אָוו יוניאן וועיל (דאָטשעס קאונטי) - בראנז
ווילעדזש אָוו וואָרוויק (אראנדזש קאונטי) - בראנז
סיטי אָוו ווייט פלעינס (וועסטשעסטער קאונטי) - בראנז

**דרום טייל ראיאן**
טאון אָוו ניופיעלד (טאמפקינס קאונטי) - בראנז

א פולע ליסטע פון די שריט וועלכע זענען דורכגעפירט געווארן דורך סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס איז פארעפנטליכט דא.

די גאווערנער האט אויך אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) איז יעצט די נייעסטע מיטגליד אין די סטעיט'ס 'קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס' – אן אונטערנעמונג פון עטליכע אגענטורן צוזאמען – צו מוטיגן און ארויסהעלפן לאקאלע רעגירונגען ביים אונטערנעמען שריט צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און זיך צוגרייטן פאר די השפעות פון קלימאט טויש. די HCR שליסט זיך אן מיט עטליכע אנדערע סטעיט קערפערשאפטן ביים ספאנסארן דעם פראגראם, אריינרעכענענדיג די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC), די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס (Department of Public Service), די סטעיט דעפּארטמענט, טראנספארטאציע דעפּארטמענט, העלט דעפּארטמענט, די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) און די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA).

**ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "די DEC אפלאדירט די היימער און קאמיוניטי רינוּעל פארן זיך אנשליסן אין די קלימאט-קלוגע

קאמיוניטיס מאנשאפט, און מיר פייערן די ארבעט פון די סערטיפייד קאמיוניטיס וועלכע דינען אלץ א מוסטער פאר אנדערע לאקאלע רעגירונגען אריבער די סטעיט. די לאקאלע קלימאט פירער נעמען אונטער שריט צו ארייגבויען ריינע ענערגיע, רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און דורכפירן קלימאט-שטאנדהאפטיגקייט פראיעקטן צו בענעפיטירן זייערע קאמיוניטיס און זיי צו באשיצן פון די קאנסעקווענצן פון אונזער טוישנדע קלימאט."

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימער און קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "די HCR איז שטאלץ זיך צו אנשליסן אין די סטעיט'ס קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פראגראם און צו ארבעטן מיט לאקאלע רעגירונגען אריבער ניו יארק סטעיט ביים איינפירן מאסנאמען וועלכע וועלן העלפן רעדוצירן און פארקלענערן די סכנות פון קלימאט טויש אין זייער אייגענע הויף. א דאנק פאר גאווערנער האקול פאר איר פארפליכטונג צו נעמען די השפעות פון קלימאט טויש ערנסט, און איך גראטוליר די 19 נייע קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס וועלכע זענען היינט באעהרט געווארן."

אויפגעשטעלט אין 2009, גיבט דער קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פראגראם – פון מערערע אגענטורן צוזאמען – הדרכה און טעכנישע שטיצע פאר לאקאלע רעגירונגען צו אונטערנעמען לאקאל-געטריבענע קלימאט שריט. דער ערשטער טריט צו ווערן א ׳קליימעט סמאַרט׳ קאמיוניטי איז זיך צו רעגיסטרירן דורך פארשפרעכן צו רעדוצירן עמיסיעס און זיך צופאסן צו קלימאט ענדערונג. ביז היינט האבן 377 לאקאלע רעגירונגען, פארטרעטנדיג איבער 9.4 מיליאן ניו יארקער, גענומען אויף זיך די 'קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס שבועה'. די סערטיפיקאציע פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2014 צו דאקומענטירן און אנערקענען די אויפטוהונגען פון קאמיוניטיס וועלכע נעמען אונטער קלימאט שריט. די נייע קאמיוניטיס וועלכע קומען היינט צו ברענגען ניו יארק'ס סך הכל צאל פון סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס צו 118 - 10 אויף די 'זילבער' שטאפל און 108 אויף די 'בראנז' שטאפל.

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס סערטיפיקאציע פראגראם, זעהט דא.

קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס קאארדינעיטארס שטעלן צו אומזיסטע טעכנישע שטיצע פאר לאקאלע רעגירונגען אריבער די סטעיט, און זיי העלפן זיי ארויס צו אונטערנעמען שריט צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און זיך צו צופאסן צו קלימאט טויש דורכן ארבעטן מיט זייערע בירגער, פלאנירן, אויפקלערן און אויפבויען זייערע מעגליכקייטן. זיך צו פארבינדן מיט א קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס קאארדינעיטאר, זעהט דא.

**NYSERDA ריינע ענערגיע קאמיוניטיס פראגראם**
אלע פון די קאמיוניטיס וועלכע זענען היינט אנערקענט געווארן דורך גאווערנער האקול באטייליגן זיך אויך אין NYSERDA'ס 'ריינע ענערגיע קאמיוניטיס' (Clean Energy Communities) פראגראם, וואס העלפט ארויס לאקאלע רעגירונגען צו דורכפירן שריט פאר ריינע ענערגיע און זיך צו איינשפארן ענערגיע קאסטן. אין צוגאב צום ווערן סערטיפייד אלץ קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, זענען 18 פון די 19 אויך דעזיגנירט אלץ 'ריינע ענערגיע קאמיוניטיס'. קאמיוניטיס וועלכע פירן דורך צום וויניגסטנס פיר שריט וואס NYSERDA באשטימט צו האבן א ברייטע השפעה ווערן דעזיגנירט אלץ ריינע ענערגיע קאמיוניטיס און זענען בארעכטיגט פאר גרענטס צו העלפן אריינברענגען נידעריגע-קארבאן סטראטעגיעס צום באנוץ. גרענטס זענען דא צו שטיצן אזעלכע שריט ווי צום ביישפיל אננעמען די סטאנדארטן פון די 'NYStretch ענערגיע קאָוד' און אונטערנעמען ריינע ענערגיע קאמפיינען אין די קאמיוניטי. נאך געלטער זענען דא צו באקומען פאר שוואכערע קאמיוניטיס. געלטער ווערן פארטיילט דורך די 'ריינע ענערגיע קאסע' (Clean Energy Fund) און דורך די 'ראיאנישע שעדליכע גאזן איניציאטיוו' (Regional Greenhouse Gas Initiative).

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "עס איז מיר א פרייד צו אנערקענען די 19 קאמיוניטיס פארן אונטערנעמען שריט קעגן די השפעות פון קלימאט טויש, און איך באדאנק ניו יארק סטעיט היימער און קאמיוניטי רינוּעל פאר זייער שטיצע פון דעם קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פראגראם. רעדוצירן עמיסיעס און אויפבויען לאקאלע שטאנדהאפטיגקייט זענען פריאריטעטן וואס מיר קענען ערגרייכן צוזאמען, און יעדע ביישטייערונג ברענגט אונז נאענטער צו אוועקשטעלן א קלימאט-פריינטליכע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

**DEC קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פינאנצירונג פראגראמען**
צוויי פון די קאמיוניטיס וועלכע זענען היינט סערטיפייד געווארן, די טאון אָוו בעדפארד און מאנראו קאונטי, האבן באקומען פינאנצירונג דורך די DEC'ס קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס גרענט פראגראם. דער 50/50 מעטשינג-גרענט פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016, און עס שטיצט לאקאלע רעגירונגען ביים דורכפירן סערטיפיקאציע שריט און ביים דורכפירן פראיעקטן וועלכע רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און בויען אויף שטאנדהאפטיגקייט קעגן די השפעות פון קלימאט טויש. אין 2019 האט בעדפארד באקומען א 37,422$ גרענט צו אויספארשן א פראגראם צו ריסייקלען עסן איבערבלייבענישן. זינט 2019 האט מאנראו קאונטי באקומען א סך הכל פון קרוב צו 797,000$ פאר פינף קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס גרענט פראיעקטן. די לעצטע גרענטס זענען געווען פאר די פראדוקציע פון דריי פלאנירונג דאקומענטן פאר די גאנצע קאונטי: א קלימאט אויסשטעלונג אפשאצונג, א קלימאט צופאסונג פלאן און אן ארגאנישע מאטעריאלן באהאנדלונג פלאן.

ניין פון די קאמיוניטיס וועלכע זענען היינט סערטיפייד געווארן האבן באקומען גרענטס אונטער די DEC'ס מוניציפאלע עמיסיע-פרייע קארן (Zero-Emission Vehicle, ZEV) פראגראם אין פאריגע יארן. דער ZEV פראגראם שטעלט צו גרענטס צו אינסטאלירן טשארדזשינג סטאנציעס פאר עלעקטראנישע קארן פאר די פובליק באנוץ. צוריקצאלונגען פארן איינקויפן אדער ארויסליעסען עלעקטראנישע קארן פאר פלאטעס פון לאקאלע רעגירונגען זענען אויך דא צו באקומען אונטער דעם פראגראם. די טאון אָוו בעדפארד, צום ביישפיל, האט באקומען אומגעפער 46,000$ צווישן 2017 און 2019 אין צוריקצאלונגען פאר דריי עלעקטראנישע קארן און גרענטס פאר דריי לעוועל-2 עלעקטראנישע קאר טשארדזשינג סטאנציעס.

פאר מער אינפארמאציע איבער די DEC-פינאנצירטע פראגראמען אין פארבינדונגען מיט דעם קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס פראגראם, זעהט [דא](#).

**שוואכערע קאמיוניטיס**
זיבן פון די קאמיוניטיס וועלכע זענען היינט סערטיפייד געווארן רעכענען אריין געגנטער וועלכע קומען נאך די באדינגונגען צו פאררעכנט ווערן 'שוואכערע קאמיוניטיס' לויטן יארק'ס 'קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע' (Climate Justice Working Group). באזוכט די 'קלימאט שריט' וועבזייטל פאר מער [אינפארמאציע איבער די לעצטנס אהערגעשטעלטע באדינגונגען צו פאררעכנט ווערן אלץ שוואכערע קאמיוניטי](#) און פאר [אינפארמאציע איבער די קלימאט גערעכטיגקייט ארבעטס גרופע](#).

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע און ענערגיע שפארזאמקייט אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך די לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערגרייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040,

אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט.

א גרונדשטיין פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און טראנסמישען פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011.

כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן זעצן פאר צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן